# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית-יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן

רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

ב"ה, לאָדזש-וואַרשע-קראָקע | אייר תרצ"ד | נומער 115 | עלפטער יאָרגאַנג


# נאָך די קאָנפערענצן

**מאַכנדיק** דעם סך-הכל פון די שוין פאַרגיקומינע קרייז-קאָנפערענצן, מוזן מיר אונטערשטרייכן דעם פאַקט, וואָס אויף די קאָנפערענצן האט מען זיך נישט באַנוצט מיט פראַזן, נאר אויפריכטיק אַדורך גישמועסט, זיך, אראָפּגירעדט אַלץ וואָס ווייטיקט אונדזערע חברות.

ס-איז איבריק צו דערמאָנען, אַז דעם אויוון-אָן האט פאַרנומען, דאָס פראָבלעם פון פּראָבלעמען אין אונדזער צייט — די שרעקלעכע מאַטעריעלע נויט אויף דער יידישער גאַס, דאָס גישריי פון יידישן רואין האט זיך אַרויסגיפילט ביי יעדער פראַגע און דערויף אַרויפגילייגט זיין טרויעריקן חותם.

מיר ווייסן דערפון, מיר פילן עס שטאַרק און מיר וועלן אוודאי אַלץ טון, כּדי לייכטער צו מאַכן, צו פאַרגרינגערן די מאַטעריעלע נויט פון אונדזערע שוועסטער. מע דאַרף נאר צו האָבן סבלנות, אויסדויער און — ווי אַ יידישע טאָכטער — בטחון און אמונה.

די בנות-ארגאַניזאַציע קען דאָך נישט פאַרענטפערן מיט אַמאָל אַ פראָבלעם, איבער וועלכע אַפילו גרויסע און שטאַרקע מלוכות שטייען מאַכט-לאָז. מיר וועלן אַוודאי, מיט די גאַנצע גיטריישאַפט און איבערגיגעבנקייט, טון אַלץ וואָס ליגט אין אונדזער באַגרעניצטער מעגלעכקייט. מיר אַגיטירן ביי אונדזערע אידעאישן באַנטע צו באַשעפטיקן אין זייערע אונטערנעמונגען, צו איבערגעבן די אַרביט פון זייערע הצטרכותן דווקא צו אונדזערע חברות און אחיות-לדעה. מיר גרינדן פאַך-קורסן צו פּראָדוקטיוויזירן אונדזערע חברות. פאַרשטייט זיך, אַז מיר דערשעפן נישט דערמיט אונדזער טעטיקייט אין דעם פּרט, מיר וועלן ווייטער טון און — מיט אויבערשטנס הילף — מיט אַ גיזיכערטן דערפאָלג.

מיט נאָך אַ פראַגע, האָבן מיר זיך באַגעגנט און וועלכע האט נישט קיין קלענערן אָרט פאַרנומען, אויף די באַראַטונגען, און דאָס איז די קולטורעלע נויט.

מיר האָבן ליידער באַמערקט, ווי אַ גאַנץ אַנזעעוודיקער טייל נייגן אָפּ פון אונדזער ריכט-ליניע, ווערן — אפשר נישט באַוואוסטזיניק — מיטגיכאַפּט מיט פּסיכאָז-שטימונגען. די ארץ-ישראל-מאָמענטן אויף די קאָנפערענצן האָבן אַ סך מאָל באַוויזן אַז ארץ-ישראל ווערט נישט דערמאָנט מיט יענעם הייליקן רגש וואָס אַ ייד דאַרף צו פילן צו אונדזער לאַנד אַלס ארץ-אָבות. טייל וויכּוחים זענען גיווען אַ פּועל-יוצא פון די נישט-גיזונטע פּסיכאָז-בהלה אויף די יידישע גאַס וואָס האט טיילווייז אַריינגידרונגען אין אונדזערע רייען.

מיר טאָרן זיך אויך נישט פאַרבלענדן דערמיט, וואָס אַ טייל מיינען, אַז מיט די עמיגראַציע קיין ארץ-ישראל איז שוין פאַרענטפערט די גאַנצע יידישע נויט. מיר ווייסן דאָך ווי באַשרענקט ס-זענען פאַר אונדז די עליי-מעגלעכקייטן, מיר ווייסן אַז דער קריזיס אויף דער יידישער גאַס גיפינט, אין אַ זייער מינימאַלן פּרים, זיין פאַרענטפערונג אינעם ארץ-ישראל פּראָבלעם.

חוץ-לזה זענען דאָך דאָ ביי אונדז עפּיס גרעסערע און אַנגיווייטיקסטע פּראָבלעמען צווישן אונדזער יוגנט, פּראָבלעמען וועלכע זענען און פאַרנעמען אַ חשובן אָרט אין אונדזער אַרביט פאַר יידישקייט, וואָס איז דאָך דער עיקר-העיקרים, דער אלף און דער תיו פון אונדזער רעיון.

מיר מוזן שטיין אויף דער וואַך, און נישט לאָזן אונדזערע שוועסטער אַריינפאַלן אין [illegible] שטימונגען, וואָס שאַפן ביי אונדז אַ צוגליטע פּסיכאָז - אַטמאָספערע, וואָס זיינע קאָנסעקווענצן זענען קיינמאָל נישט קיין גוטע.

אַזעלכע שטימונגען קומען פון מאַנגל אין יידישן באַוואוסטזיין און דאָ וועלן מיר שטרעבן אַריינצוגעבן דעם פולן יידישן באַוואוסטזיין אומדערשיטערלעכע אמונה, לערנען דעת, אויפקלערונגען איבער ספקות, אַדורכדרינגען די נשמות פון אונדזערע חברות מיט אונדזערע אייביקע צילן, אַריינפלאַנצן אַ קאָנסעקווענט און אויסגיהאַלטן יידישקייט, וואָס זאָל צעמענטירן און פונדאַמענטירן אונזער ריינעם יידישן קוק אויף אַלע פּראָבלעמען אין לעבן: אַן-אויסקריסטאַליזירטע יידישע אָריענטאַציע אין די פאַרוויקלטסטע און פאַרפּלאָנטערסטע אפּינע און אונטער-וועגן, מיט וועלכן ס-לאָווירט אונדזער היינטיקייט.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון פון אונדזערע אויפגאַבן, מיר ווייסן און פילן שטאַרק און טיף די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מיר נעמען זיך אונטער: אָבער מיר טאָרן נישט וואַרטן, אַלץ איז ברענענד-אַקטועל און פאָדערט באַלדיקע פאַרענטפערונג און פּאַראַלעל מיט די באַגייסטע טעטיקייט וועלן מיר זיך אויפּסניי — און זאָל עס שוין זיין דאָס לעצטע מאָל — צו אונדזערע שוועסטער.

ווילט איר אַז אונדזער אַרביט זאָל האָבן דעם גיוואוטשטן ערפאָלג, דאַן גיט אונדז די מעגלעכקייט דורך דיסציפּלין און אַבסאָלוטע דיסציפּלין, דורך גיטריישאַפט און מיטהילף, באַנייט אייער אַרביט, אייערע כּוחות, און נאָר צוזאַמען געגנזייטיק וועלן מיר דערפירן אונדזער באַוועגונג צו דער מדרגה וואָס זי דאַרף אַרויפשטייגן.

■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■■

# מיר ציילן

מיר ציילן טעג, וואָס פאַרגאַנין
נישט פאַרגעס, מענטש! דיין פונ-וואַנין
ס-איז וועג צום וואו-אַ-הין — דער צוריק
דורך אייגע און די זעלבע בריק...

מיר ציילן טעג, ציילן וואכן
וויפל מויערן, אַ דורכגיבראַכן

ביים גיין צו טאָג, דורך נאַכט — די וועגן
וויפל וועלדער, אַ דורכגיזויגן.

מיר ציילן טעג, ווען אַרום שוואַרצט
וואָרט וואָס גיזאָגט, פילן קאָן האַרץ
וויַיל:—זון פון נעכטן, פון מאָרגן,
אין טיפן שוואַרץ, ליגט פאַרבאָרגן.

אַלטער שנור.

הודפס מתוך הארכיון היהודי

ישראל עמיאט

# די משוגענע לאה...

## (פון די קאנטאניסטן-גזירות)

א׳

ס־איז די פרייד נאך פון סוכות ביי ייִדן נישט אריבער
שמחת-תורה! עס הוליעט און לעבט אין די שטיבער!
ביי זייַנע פאטראָווים און ווייַנין דער גביר,
דער אָרימאַן געבעך — ביי חלה מיט ביר...
יום־טוב אין שטעטל! נאר אין הייזל אין לעצטן,
וואַרט איינער אויף וואך, און שבעה גיזעצט זיך!
ווער וויים פון א יום-טוב? די שמחה פאַרשטערט!
אט אַזוי א, שוין טעג דריי עס ליגט אויף דער ערד
ווער קען א צורה פון א מענטש שוין דערקענין
א פנים פאַרסאַדזשיט, די אויגן נאר ברענין
אין פלאַמין פון ווילדן שגעון און צאַרן
א בייזע, א פינצטערע וויסטע עין-הרע!
לאה די אלמנה, וויי און ווינד!
אין סאַמע יום-טוב גיכאַפּט איר דאָס קינד!
די אָרימע מאַמע גידיענקט ווי אַצינד:
...אין בעטל גישלאָפן דאָס אָרימע קינד
אויף איז גיוועזן די אַלמנה און וואַך:
א פינצטערער חלום האָט איר דערשלאָגן בייַנאַכט
מאַטע דער כאַפּער פון קהל גיקומין
דאָס קינד אירס, דאָס טייַערע ביי איר צוגינומין
א שרעק האָט דער מאַמיס האַרץ פון גילעגער גיריסן
און וויי! ווער זאָל אויף דעם זיך ריכטן און וויסן,
אין דער זעלבער נאַכט נאָך גיקומין פון קהל
איינס נאָך א קינד גי־עלט האָט צום צאָל...
לויפט מין, מע זוכט און מע גיפונט:
לאה די אלמנהס איינציק קליין קינד.
א קינד אַ מלאכל קליין און באַחנט
די שכינה אַליין נאר אויף דעם האָט גישייַנט
די אייגעלעך טיף, די אייגעלעך שוואַרץ:
וויי דער נביאות פון אַן־אַלמנהס א האַרץ!
וואָס האָט נישט די אָרימע מאַמע דערוואַרט
פון ישראליקלין אירן? — אויף דער וועלט דעם שכר!
וואָס וועט איר טייַער קינד אַלץ דען נישט זייַן? :
א גאון ביי ייִדן, פון זייַן ליכטיקן שייַן
וועט מין דורות פאַרלייַכטן אין גלותן שוואַרץ,
וויי און ביטער דער מאַמיס האַרץ!
דאָס האָסטו פאַרשפאָרן דעם ביסן פון מויל
און טראָגן שכר-לימוד פון קינד דייַנס דעם עול!

ב׳

...שוין דריי טעג ווי מ־האָט איר בן-יחיד גירויבט,
אויף דער ערד ליגט די אָרימע, ווי מיט אייַזן באַטויבט,
וואָס האָט איר גיהאָלפן דאָס אייפערן און הערן,
איר ווילדער גייאָמער, די קוואַלן פון טרערן?
אירע תחנונים ביי ר׳ שלמה ראש-קהל
ער האָט איר קיין ענטפער גי־געבן צומאָל...
וואָס דאַרף זי אַן־ענטפער? זי ווייס עס אַליין,
וואָס וועט איר שוין העלפן דער שטראָם פון גיוויין.
אַז א כפרה פאַר קהלישע זינד,
האָט מין גינומין איר איינציק שיין קינד
אויסלייז פאַר איינים א זון פון א גביר
ביי דיר נאר דאָס קינד. אַלמנה, ביי דיר!
ווער וועט דען לאָזן אויף א לעבן א האַלבס
ביי זעלנעו״ ושרעבד זייַן יונגיטשקן שוואַלב?
פיניף און צוואַנציק יאָר זייַן קאַנטאָניסט,
אין ערגיץ אַן עק־לאַנד פון סיביר־ישן וויסט.
א גזירה פון מלכות! מ־זאָגט אַז צו שמד,
גייען א העלפט פון די קינדער כמעט.
און מע דערציילט אָן זיך מעשיות א סך
וואָס מלכות הרשעה האָט אַלץ אויסגיטראַכט
ווי יינגיטשקע גפשלעך אין פינצטערער בעץ
פאַנגין צו נעמין און דינין דעם געץ:
„מע גיט זיי א פאָר טעג קיין וואַסער אין מויל
„מע פייַניקט זיי שווער אין שרעקלעכן גרויל
„נאָך דעם — מע ווייַזט זיי א טיש פון כל־טוב
„און ווער קאָן עס בייַשטיין די דאָזיקע פּרוּאָוו?
טאָ וועלכער גביר וועט עס לאָזן זייַן קינד
אין א גרוב פון יסורים און פינצטערער זינד
מ־האָט שוין אַן־עצה א גרייטע פאַרטראַכט:
מ־האָט „כאַפּערס״ גידינגין, און יעדער בייַנאַכט
כאַפּט מין א קינד צי ביי אַן־אָרימע מו ער,
ווער קען פאַר טייַוואָלים אַזוינע זיצן און היטן?
מע כאַפּט אַזוי לאַנג ביז מע פילט אויס די צאָל
מיט אָרימע קינדער חטאת הקהל!..

ג׳

...אַט איז דער טאָג שוין פאַרן פאַרשיקן:
עס וואָלט אויף איר טייַער קינד לאה כאַטש איין בליק טון
פאַרן טיר אויפן רעגן זי שטייט און זי וואַרט
פאַרן טיר ווי איר חפץ איז ביי קהל פאַרשפאַרט
עס ציטערט און פלאַטערט דאָס מאַמישע האַרץ
דאָס פנים איז פינצטער חושך פאַרשוואַרצט
— ישראליקל מייַנער, יתומל קלייַנס,
„הערסטו דער מאַמיס פאַרביטערט גיוויין ?
זי האָט אַזוי פיל דאָך, אַזוי פיל מיט איר קינד
צו רעדן און וואָרינין פאַר נעץ פון דער זינד
...אַט פירט מין די מחנה קינדער אין עטאַפּ
ס־האָט לאה איר בן־יחיד אויף א רגע דערכאַפּט
אַרום ווילדע יונגין פון קהל די היטערס,
מיט שטעקנס פאַריאָגן די אָרימע מוטערס
וואָס לויפן נאָך איבער די גאַסן מיט ווילדן גיוויין,
און וואַרפן ווי שטיינער די קללות אַריין
אין דער וועלט פון אַכזריות זייער פּיין און פאַרדראָס
איז נישט פול נאָך מיט גאַל און מיט צאַרן דער כוס
מע שלאָגט נאָך די מוטערס! מ־מאַכט וואונדן ביז בלוט!
דער, וואָס וויל רעדן אין דער לעצטער מינוט,

# גיקליבינע פערל

גיזאמל פון
א שנור
(נאכדרוק פארבאטן)

## תורה־ווערטער, גידאנקן און אפאריזמין פון יידישע גרויסע מענטשן.

### ספירה.

א׳

מיר ציילן די טעג פון ספירה. די טעג צו קבלת התורה, צו ווייזן די אומגי־הויערע בענקשאפט צום טאג פון די קבלת התורה.

(יד החזקה, החינוך, פוסקים)

ב׳

ספירה איז ניין און פערציק טעג, ווי די יארן צום יובל. ווי דארטן איז וקדשתם את שנת החמשים. ס־פיפ־ציקסטע יאם איז הייליק. אזוי דא קומט דאן — שבועות.

(מאה שערים)

ג׳

קיין שהחיינו ווערט נישט גימאכט איבער ספירה, צוליב דעם פאלקס־אבילות אף ר׳ עקיבאס תלמידים.

(פוסקים)

ד׳

דער עומר איז — גערשטן, א מאכל בהמה. ווייל פאר קבלות התורה איז דער מענטש גיוועזן ציל־לאז אן אמונה. אבער שבועות ווען דער מענטש איז ארויף אויף זיין מענטשלעכע מדרגה האט מין גיברענגט ביכורים — פון ווייץ א מאכל אדם.

(מהרש״א ע״ק דר״ה)

ה׳

עומר התנופה

ע׳ מיט א׳ טוישן זיך אפט אין די אותיות אחה״ע אזוי אז מע קאן זאגן אומר התנופה —

גיהויבינע רייד.

(רבי ר׳ בונם)

ו׳

אייר, דער פרילינג־חודש וואס לינדערט אלע ווייטאגן איז באמת מסוגל לרפואה מיט זיין בלויזן נאמין.

איר איניציאנלירט: אני ה׳ רופאיך.

(טעמי מנהגים)

ז׳

וספרתם לכם

פון לשון ספיר — קרישטאל.

איר זאלט אויסקריסטאליזירן דעם „לכם" אלץ וואס האט אנגיעה צו „אייער" גשמיות לעבן.

(בעש״ט)

ח׳

אויפן זעלבן:

דאס ציילן זאל זיין לויט אייך, דער זמן די צייט זאל אנגירופן ווערן אויף אייך און נישט איר אויף די צייט. זייט למעלה מן הזמן!

(משמרת שלום)

ט׳

מלא העמר.

דאס פולע ווארט „עמר" עין מם ריש באטרעפט די צאל פון קדוש און דאס איז דאך דער ציל פון א יידישן קרבן.

(של״א הקדוש)

י׳

אחר קצץ בנטיעות

ר׳ עקיבא נכנס בשלום ויצא בשלום

(חגיגה)

די טבע פון אחר, איז שוין צו זיין א מפריד בין הדבקים, אפצוהאקן. אריינ־צוברענגען פירוד־לבבות.

דאגעגן דער צדיק ווע׳לכער גייט באלד צו מיט די איידעלע כוונה פון שלום איז זוכה ארויסצוגיין טריאומפירנדיק מיטן ארדער־שלום.

(עקידה)

י״א

אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה

די סוף־אותיות מאכן: ר׳ עקיבא

ווייל צדיקים ליידן פריער, ערשטביים סוף זענען זיי זוכה צו א ביסל פרייד

(ספרי קבלה)

י״ב

ל״ג בעומר האבן זיי (ר׳ עקיבאס תל־מידים) אויפגיהערט צו שטארבן, דערי־בער איז עס א יום שמחה, ווייל ל״ג בעומר גיפאלט אין „חי" אייר

(של״ה הקדוש)

י״ג

נאך א טעם:

ולישרי לב — שמחה

נאך ל״ב (צוויי און דרייסיק) קומט שוין שמחה און בכלל דער וואס ס־פארמאגט אין זיך לב, רגש און מימלא א בעל מדרגה -- ווערט אין די בחינה פון חי׳ ווייל צדיקים אפילו במיתתן קרוין חיים — אומשטערבלעך.

(דער טרוסקער מגיד)

## פרקי אבות

### פרק א.

א׳

ועמך כולם צדיקים — ל„עולם"

ווען מע קוקט זיך ארום צו די „וועלט סארע פנים מישטיינס גיזאגט ס־האט. דערזעט מין ערשט אז ועמך כולם צדיקים, אז יידן זענין לויטער צדיקים א קעגן דעם גיפאלינים עולם פון אונד־זער היינטיקייט.

(פרי חיים)

ב׳

מעשי ידי — להתפאר

דאס תפארת פונים חומר איז טאקע ווען מע נעמט אזא ליימיקן גשם און מע דערהויבט עס צו אזא איידעלע אצילות.

(רבי ר׳ בער)

ג׳

קבל תורה—מסיני

סיני דער קלענצטער בארג אויף וועלכן ס־איז דאך גיגעבן גיווארן די תורה, האט גיגעבן מוט משה רבינו, דעם עניו מכל האדם אז אויך ער זאל מקבל זיין די תורה.

(ר׳ אלעזר פלעקלש)

ד׳

הוא חי׳ אומר

דער אמתער צדיק זאגט אייביק מיט הי׳, א לשון שמחה

(רבי נחמן מבראצלאוו)

ה׳ *

אל תהי׳ כעבדים המשמשין את הרב

דער מענטשלעכער כוח איז דאך נאר פון אים, כביכול, ווילט איר זיין משמשין „את" הרב, מיטן כח פון השי״ת און דערצו נאך וועלן באצאלונג?

(רבי ר׳ בער)

ו׳

אל תהי׳ כעבדים המשמשין את הרב שלא ע״מ לקבל פרס.

זייט נישט באצאלטע. ווערט איר אבער זאגן אז איר זענט פטור פון א שוגג, ווי ס־איז די הלכה ביי א שומר חנם דעריבער: ויהי׳ מורא שמים עליכם, האטס מורא פאר א עבירה, אפילו א שוגג כדי ס־זאל נישט ברענגין צו א מזיד.

(רבי דניאל טירני)

ז׳

מורא „שמים"

ווי די הימלישע מלאכים וואס האבן נישט קיין יראת הרוממות.

(נשמת אדם)

ח׳

ויהי׳ עניים בני ביתך

דיינע שטוב־מענטשן זאלן זיין ווי עניים באשיידן ביז גאר. זיין מסתפקים במועט.

(ר׳ אלי׳ הכהן)

ט׳

וקנה לך חבר

קויף פאר דיר, דיר אליין דעם מענטש־לעכן טיטול: חבר.

(אברבנאל)

י׳

אויפן זעלבן:

וקנה (פון לשון: קנה) דיין פעדער, זאל זיין דיין חבר.

(ספרי חסידות)

י״א

ושנא את הרבנות, ואל תתודע לרשות—

אויב פילסט א שנאה צום רבנות איז עס אין עס נאר ווייל מ־האט צו טון מיט די מאכט־פארשטייער.

(הון עשיר)

י״ג

נגיד שמי׳ — וויל מין האבן א לאנגין נאמין (אין תרגום לשון נגיד נגיד — ציען) אבד שמי׳ — זאל מין זיין נאמין פארכלינגן, פארטושן, דער עניו איז זוכה צום שם־טוב.

(מדרש שמואל).

י״ג

„ודלא" מוסיף – יסיף.

ווער ס־מערט א סך „גארנישטקייטן" — יסיף — ווערט עס אים אנידערלייגן, ווייל שולדיק איז דאס „ודלא יליף" — ווייל זיין לערנין איז אויך נאר שטותים, וואס געבן „גארנישט" דעריבער „קטלא חייב" איז ער ווערט, האט ער זיך אליין דאס אנגימאכט.

(ר׳ משה פשעווארסקער)

י״ד

אם אין אני לי, מי לי.

אויב איך באשולדיק מיך אליין נישט, ווער װערט עס טון. אנדערע מענטשן נעמין דאך מיך אלס מוסטער, לערנין פון מיר. איך פון וועמין?

(ווי העמודים)

אויפן זעלבן:

אויב מיין „איך" איז ביי מיר אין די בחינה פון „אין", כ־זארג ווייניק וועגן מיר. מי לי — קלערט אן־אנדערער פאר מייניט וועגן. וכשאני לעצמי — אויב כ־האלט מיין „איך" פאר עפיס א וועזן, מה אני — וואס קאן איך שוין אליין אויסקלערן.

(רבי ר׳ בער)

ט״ז

ולא מצאתי לגוף, טוב משתיקה

דען דאס פארמלאזע שווייגן, די מחשבה וואס קאנצענטרירט זיך אינים גוף. איז דאך באריר־לאז, נישט פארשוועכט און דערפאר — ס־איידלסטע.

(הפלאה)

סוף

# גידענק

דיין חוב

## צו ארביטן פארן

# „קרן הישוב"



הודפס מתוך הארכיון היהודי

# פון דער בנות-צענטראַלע

## אָרגאַניזאַציע-שטייער

פון ל״ג בעומר אָן ווערט איינגעפירט אַן־אָרגאַניזאַציע שטייער פאַר דער צענטראַלע צו 10 גר. פון יעדע מיט־גלידערן אַ חודש. עס ווערט פעסטגע־שטעלט פאַר יעדע אָרגאַניזאַציע פון 2 ביז 6 זל. מינימום, דעם דאזיקן שטייער וועלן די אָרגאַניזאַציעס קענין צורעכינין צום אָרטיקן מיטגלידס-אָפּצאָל, אָדער נעמין באַזונדער דירעקט. פאַר די ערשטע צוויי חדשים דאַרף נעמין יע־דער אָרגאַניזאַציע באַלד ביים אַרויס־געבן די נייע מיטגלידס-קאַרטע צו 20 גר. דאָס איינפירן דעם שטייער איז אַ דרינגנדיקע נויטווענדיקייט, צוליבן פאַרגרעסערן זיך פון דער אַרבּיט פון דער צענטראַלע אויף אַלע געביטן, און די ריזיקע קאָרעספּאָנדענץ, צוליב וואָס די בלויזע פּאָסט-אויסגאַבן האָבן זיך פאַרפילפאַכט.

## בנות־ביולעטין

די טעג דערשיינט דער ערשטער בנות-ביולעטין, אין דעם דאזיקן ביולעטין ווערן געגעבן אָנווייזן פאַר דער בנות־אַרבּיט אויף אַ סך געביטן. 1) אידעאלאָ־גישע אויפקלערונגען 2) ווי אַזוי גרייט מען צו אַ פּרק-שמועס 3) מוסטער-פּראָ־גראַם פון אַ ראש־חודש אָוונט 4) שבועות פּראָגראַם 5) אָנווייזן צו לערנין מדות 6) טעמים אויף שיחות 7) פּראַקטישע אָרגאַניזאַציע-אַרבּיט.

דעם ביולעטין באַקומין צוגעשיקט נאָר די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געצאָלט 25 גילדן תרומת-חברה. די אָרגאַניזאַצ־יעס, וואָס האָבן דאָס נישט געטון וועלן נישט באַקומין.

## ארץ־ישראל־קאָרעספּאָנדענץ

אין דער לעצטער צייט באַקומין מיר טאָג-טעגלעך הונדערטער בריוו, וועגן פאַרשידענע א״י ענינים און בנוגע הכשרה. די דאזיקע בריוו קענין נאָר באַענטפערט ווערן, ווען ס־ליגן ביי פּאָסט־מאַרקן פאַר 30 גר. אויף תשובה. אין געגנפאַל מוזן די בריוו בלייבן אָן תשובה.

## דאָס אַריינציען נייע חברות

ל״ג בעומר דאַרף אין יעדן אָרט זיין אַ ספּעציעלע פייערונג (לויט אונד־זער צירקולאַר) אַריינציען נייע חברות אין „בנות“, די אַלע וואָס האָבן געענ־דיקט פולע 16 יאָר מוזן פון בתיה אַרויסטרעטן און איינגעשלאָסן ווערן אין די רייען פון „בנות“. אַלע אָרגאַניזאַצ־יעס מוזן דאָס אַדורכפירן, כדי צו קאָמפּלעטירן די בנות־אָרגאַניזאַציעס.

## נייע אָפּטיילונגען

אין אַלע שטעט וואו ס־גרינדן זיך נייע אָפּטיילונגען, דאַרפן זיי תיכף דער־פון מודיע זיין דער צענטראַלע אין לאָדזש און אַריינשיקן 5 גילדן אויף אַן־איינהייטלעכן סטעמפּל און 5 גילדן אַ קאָנטע אויף תרומת-חברה. די אָרגאַני־זאַציעס וואָס זענען נישט פאַרבינדן מיט דער צענטראַלע, באַקומין גאָר נישט צוגעשיקט.

אַדרעס פון דער בנות־צענטראַלע:

Centrala „Bnos“ Łódź,

skrz. poczt. 146.

## בית יעקב־זשורנאַל

עס זענין פאַראַן ליידער אַ סך אָרגאַ־ניזאַציעס, וואָס טון גאָר נישט אויף צו פאַרשפּרייטן דעם אייגינים אָרגאַן, דאָס בית יעקב-זשורנאַל.

לעצטנס האט די צענטראַלע פעסטגע־שטעלט פאַר יעדן אָרט אַן-אָבּליגאַטאָ־רישן צאָל עקז. וואָס דאַרף אין יעדן אָרט פאַרשפּרייט ווערן. מיר מאַכן אויפ־מערקזאַם, אַז דאָס נישט צו פּאַסן זיך צו דער פאַראָרדינונג פון דער צענטראַלע פירט צום איבעררייסן די באַציאונגען אויך וועט שוין אין קומינדיקן נומר פאַרעפנטלעכט ווערן אַ רשימה פון די גרופּן, וואָס האַנדלין פאַרברעכעריש לגבי זייער אייגינים אָרגאַן. באַזונדער וועלן אין קיין פאַל נישט געדרוקט ווערן קאָ־רעספּאָנדענציעס פון שטעט, וואָס פאַר־שפּרייטן נישט לכל הפּחות צו 10 עקז. און באַצאָלן רעגולער. אַזעלכע קאָרעס־פּאָנדענציעס, ווערן תיכף פאַרניכטעט און ס-איז אַ שאַד די טירחא אין די קאָסטן פון צושיקן זיי.

## באַזוך אין דער בנות־צענט.

דאַנערשטיק ו׳ אייר האט אונדז באַזוכט די סעק־רעטאַרן פון דער וועלט-צענטראַלע „בית יעקב“ פון ווין פרל. שרייבער. דער גאַסט האט אַ לענ־געדע צייט דורכגעזען די גאַנצע אַרבּיט פון דער צענטראַלע און אויסגעדרוקט איר צופרידנ־קייט פאַר די אַלע גראַנדיעזע אַרבּיטן.

דערנאָך האט פרל. שרייבער באַזוכט די מוסטער־האַפטע בנות-מחנה אין לאָדזש אויף נאַרוטאָוויטשאַ 41 און איז געווען פול מיט התפּעלות פאַר דער מחנה און אירע איינריכטונגען.

## דיסציפּלין!

אַלץ און אַלץ איז אָפּהענגיק פון דיסציפּלין! די אָרגאַניזאַציעס וואָס דערפילן נישט זייער התחייבותן דיסציפּלינאַריש זיי האָבן גאָר נישט צו דערוואַרטן קיין מיטהילף אויף ס-מינצטע מצד דער צענטראַלע. זיי ברענגען נאָר זיך אַליין שאָדן און אין יעדן אָרט מוז מען זיך דערפון אָפּגעבן אַן-ערנצטן דין וחשבון.

ס-זענין פאַראַן אַ סך פאַלן און פאַרלאַנגען וואָס קענין נישט נאָכגעגעבן ווערן, מחמת די פירערנס פון די אָרגאַניזאַציעס טון ברעכן אונדזער בריוו, צירקולאַרן, מודעות און טערמינען וועגן פאַרשידענע ענינים. מיר האָבן נישט קיין שום עצה אין אונדזער אָרגאַניזאַציע טאָר נישט זיין קיין דיסציפּלינלאָזע צולאָזונג באַוועגונג!


# בירנבוים־אַלמאַנאַך

שוין דעם קומינדיקן חודש דערשיינט דאָס גרויסע זאַמל־בוך

לכבוד דעם 70-טן געבוירן־טאָג פון ד״ר נתן בירנבוים

אַ ספּעציעלער פּראָספּעקט וועט פונאַנדערגעשיקט ווערן צו אַלע אָרטאָדאָקסישע אָרגאַניזאַציעס.

לייענט און פאַרשפּרייט דאָס אינטערעסאַנטע בוך

# אויף די וועגן פון ארץ־ישראל

הארכיון היהודי

פון **משה מאַרק**

40 אַרטיקלין און פעליעטאָנין און 28 בילדער און אילוס־טראַציעס.

פּריין 4 גילדן מיט 80 גראָשן נאָר במשך נאָך אַ חודש ספּע־ציעל פאַר אונדזערע אַבאָנענטן איז גילטיק דער הנחה-פּרייז

# 3 גילדן מיט 40 גראָשן

שוין מיט פּאָרטאָ.

צו באַקומין אין אונדזער אַדמיניסטראַציע. אָן געלט ווערט נישט געשיקט.

# בוצט אויס די לעצטע געלעגנהייט!

ארכיון אסופות

נאָך צו באַקומין גאָר אַ באַגרענעצטע צאָל געמישטע קאָמפּלעטן פון בית-יעקב-זשורנאַל

# 30 נומערן דערונטער יובל־אויסגאַבּיס

800 זייטן, אַן־אוצר פון מאמרים, שטו־דיעס, דערציילונגען, נאָוועלן, לי־דער און פּאָעמיס און רייך פּעדאַגאָגיש אָרגאַניזאַציע־מאַטעריאַל.

# כל הקודם זכה — נאָר 6 גילדן מיט 70 גר.

אַדרעס פון פאַרלאַג „בית-יעקב“:

Redakcja „Bajs Jakow“ Łódź

Kilińskiego 44. P. K. O. 67.795.





הודפס מתוך הארכיון היהודי

עמוד 18 מתוך 19

